בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרֵיוָון פון חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים

תשפ"ד

361

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## בארא פארק
4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונדון
23A St Andrew’s Grove
**447388582855**

## קרית ברסלב
ליבערטי - ניו יארק

### האשקי
181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל
291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה
187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק
2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה
67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים
21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

## ירושלים
רח׳ רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק
רח׳ ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה
רח׳ משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש
רח׳ ריב״ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד
רח׳ רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל
רח׳ המייסדים
**052-716-3184**

## צפת
רח׳ צהל 1
**050-412-6101**


נדפס ע״י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**


צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט״א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר אידישע שטוב
**212.444.9169**


עריכה - הגהה והוצאה לאור ע״י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com
www.BreslevCenter.com

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט אִין ״הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ״? ........................................ א


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


זִיךְ נִישְׁט אָנְלֵייגְן אוֹיף יֶענֶעם ........................................ א

עֶס אִיז גוּט צוּ נֶעמֶען דִי כִּיבּוּד פוּן ׳קְוַואטֶער׳ ........................................ א

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְן מְקָרֵב זַיין מַיין זוּן ........................................ ב

נֶעם דַיין וַוייבּ צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוּי טֶערַאפִּיסְט ........................................ ג

רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן זַיין נֶערְוֶועז וֶוען דִי קִינְדֶער דְרֵייעֶן אִיבֶּער ........................................ ד

שְׁכֹּחַ פַארְ׳ן אַרַיינְלֵייגְן אִין מַיין זוּן אַזוֹיפִיל אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם ........................................ ה

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר פוּן דַיינֶע לִימוּדִים ........................................ ה

אֵיינֶער וָואס שְׁלָאגְט קִינְדֶער, הָאט נִישְׁט וָואס צוּ זַיין אִין חֵדֶר ........................................ ו

יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט מִיט תַּלְמִידִים אִיז עוֹשֶׂה פֵּירוֹת ........................................ ו

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט מַיין זוּן ........................................ ז

אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי יְשִׁיבָה קְטַנָּה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג ........................................ ז

וֶוער דַארְף נָאכְגֶעבְּן? ........................................ ח

מֶען זוּכְט אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן ........................................ ט

קֵיינְמָאל זָאלְט אִיר נִישְׁט רֶעדְן פְּרִיוַואט קֶעגְן טֶערַאפִּי ........................................ י

װערְט צוּדִיק אַ צַדֵיקֶת, קוּקְט נִישְׁט קַיין קְלִיפְּס, װִידִיאָס, אוּן מָאוִוס ......יא

זִיךְ אַזוֹיפִיל אָװעק גֶעגֶעבְן פַאר טָהֳרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל ..............................יא

פַארְוָואס אִיז מֶען נִישְׁט מַחְשִׁיב דִי וָואס הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת?..........יב

וַויינֶען מַאכְט וַויינֶען ....................................................................יג

אִינְפָארְמַאצְיֶע אוֹיף אַ שִׁידוּךְ ......................................................יד

מַיינֶע װערְטֶער זָאלְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער ................. טו

אַ מְלַמֵד דַארְף זַיין גוּט צוּגֶעגְרֵייט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר הַיוֹם ............. טו

שְׁטַארְק זִיךְ, דִי שְׁװערֶע טֶעג װעלְן אַרִיבֶּערְגֵיין ................................ טז

פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, וַוארְט מִיט סַבְלָנוּת, װעט דִי לֶעבְן װערְן זִיס ................יז

בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן קֶען מֶען פוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת לְמַעְלָה מִדֶרֶךְ הַטֶבַע ...............יח

גֶעב עֶנְדֶערְשׁ דַיין צְדָקָה פַאר מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ ..........יט

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן אַרַיינְלֵייגְן הַארְץ אוּן מֹחַ אִין יֶעדְן קִינְד ..........................כ

דִי חוֹב אִיז בָּטֵל, אוּן דָאס פֶּערְדְל אִיז טוֹיט ........................................כ

װען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, אִיז דָאס מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב..........כב

גֵיי אַ טֶענְצְל אַפָּאר מָאל אַ טָאג ..........................................................כג

גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן נֶעגְל וַואסֶער .......................................................כד

װען עֶר עֶפְנְט דִי הַאנְט, דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט..........כד

אַ הֶערְלִיכֶע זוּמֶער גֶעוֶוען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב ...........................................כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ"?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכּ‍ַח אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם אוּן אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, דִי נְקוּדָה וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים אוּן אוֹיף דִי תַּכְלִית פוּן דִי פְּלַאץ - אִיז אַזַא ווִיכְטִיגֶע אוּן שְׁטַארְקֶע נְקוּדָה.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוֹיף אַ שַׁבָּת אִין שׁוּל אִין שְׁטֶעטְל, אִיז דֶעמָאלְט צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ פְרוֹי אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן עֶפֶּעס אַזוֹי: "שְׁכּ‍ַח אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֱמֶת אַז דָא אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט? אוּן מִיר זֶענֶען אַזוֹי לָאקִי צוּ הָאבְּן אַזַא רֹאשׁ יְשִׁיבָה" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַזֶעלְכֶע סָארְט וֶוערְטֶער, אוּן עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט. אִיךְ הָאבּ זִיךְ שִׁיעוּר אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן אַנְטְלָאפְן, עֶס הָאט מִיר שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעאִיבְּלְט, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אַז אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ.

שְׁפֶּעטֶער אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ צְוֵוייטֶע פְרוֹי, אוּן זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז זִי ווִיל מִיר נָאר זָאגְן אַ גוּטֶע עֵצָה, זִי הָאט מִיר גֶעווִיזְן אוֹיף דִי מְחִיצָה אוּן מִיר גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אִיךְ ווִיל עֶבְּט ווִיסְן וָואס דִי פְּלַאץ אִיז אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעמִישְׁט, זָאל אִיךְ קוּקְן נָאר דָא, אוּן מִיט דֶעם הָאט זִי מִיר אַרַיינְגֶעווִיזְן אִין דִי מְחִיצָה אוֹיפְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "קוּק נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס, וַוייל אוֹיבּ יָא - הָאסְטוּ גְרוֹיסֶע שַׁאנְסְן אַוֶועקְצוּגֵיין נָאךְ אֵיידֶער דוּ קוּמְסְט אָן".

אִיךְ בִּין אִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה. מֶערֶערֶע מָאל הָאט זִי מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן מִיר גֶעהָאלְפְן הַאלְטְן דֶעם קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ. עֶס אִיז גֶעוֶוען צַייטְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז דָאס

אִיז עֶס, אוּן זִי הָאט מִיר זֵייעֶר אוֹיסְגֶעקְלָארְט אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען. זִי הָאט אַלֶעמָאל גֶעהַאט דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ זָאגְן.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶענוּמֶען אִיר עֵצָה, אוּן אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעטוּן סַיי אִין שְׁטֶעטְל אוּן סַיי בַּיי דִי פְּרוּוּעֶן שִׁיעוּרִים פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע לַאנְגֶע צַייט. אִיךְ הָאבּ קוֹדֶם נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם שִׁיעוּר אוּן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אַ מִינוּט נָאכְן שִׁיעוּר. אָבֶּער שְׁכַּח אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים אוֹיסְצוּוַואשְׁן דֶעם מֹחַ אוּן דִי אַלְטֶע וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, אוּן זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן יֶעדְן.

נִישְׁט אַז הַיינְט בִּין אִיךְ שׁוֹין אַרִיבֶּער אַלֶע זִיבְן וואַסֶערְן, עֶס פַּאסִירְט נָאךְ גֶענוּג מָאל וָואס אִיךְ פַּאל אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַעַת וֶוען אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל אוּן אַלֶעס אוּן יֶעדֶער שְׁטֶערְט מִיר, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער כָּאטְשׁ אַז אִיךְ בִּין דֶער פְּרָאבְּלֶעם אוּן נִישְׁט יֶענֶער, שְׁכַּח אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אִיךְ שֶׁעפּ זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט פוּן זַיין אָנְהוֹיבּ הִתְקַרְבוּת, וַוייל אִיךְ זֶע אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ אֶפְשָׁר שַׁאנְסְן אוֹיסְצוּקְלָארְן מַיין בְּלִיק אוּן מַיין מֹחַ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אֵיין זַאךְ: 'שֵׂכֶל אוּן הִתְחַזְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן'; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן, עֶס אִיז נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אוֹיסֶער דִי סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ' - דָאס מוּז זַיין, וַוייל וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען הוֹיבְּט אָן הֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן'ס תּוֹרוֹת, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אַז פוּן זַיין שְׁוֶוערֶע הָארֶעוַואנְיֶע וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן, עֶר זוּכְט אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ד', מִזְבּוּב וְעַכְבִּישׁ) אַז פַאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעקוּמֶען צוּם בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה מִיט אַ טַעֲנָה: "אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט, פַארְוָואס הָאט

מֶען מִיךְ בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, דוּ גֵיי זוּךְ אַן עֵצָה"; וָואס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פוּן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה? וַוייל וִויפִיל עֶר זָאל נָאר צֶעבְּרֶעכְן, אַרָאפְּוַואַרְפְן אוּן אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ תְּשׁוּבָה, אוּן צוּ אָנְהוֹיבְּן אַ נֵייעֶם לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ מַדְרֵיגוֹת פוּן צַדִיקִים, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן זְכֻיוֹת, דֶער רֶבִּי אִיז אִים וִוי אַ דָארְן אִין אוֹיג.

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט נִישְׁט לִיבּ קַיין אֵיינֶע פוּן דִי צַדִיקִים, אָבֶּער בַּיים רֶבִּי'ן - דָארְט אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דֶער רֶבִּי כַאפְּט אַרוֹיס נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען שׁוֹין פַארְכַאפְּט בַּיי דִי קְלִיפּוֹת, דֶער רֶבִּי לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ אוּנְז מֶענְטְשְׁן וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי וַוייט אוּן הָאט אוֹיף אוּנְז רַחְמָנוּת מִיר זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נִישְׁט לַיידְן, דֶערִיבֶּער טוּט עֶר אַלֶע פְּעוּלוֹת אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן רֶבִּי'ן; מִיט לָשׁוֹן הָרָע אוּן לֵיצָנוּת, חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ' וְכוּ'.

מוֹהֲרָא"שׁ פַארְצֵיילְט אוֹיף אַ מַשְׁפִּיעַ בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס אִיז גֶעפָארְן פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים קִיבּוּץ אִין יְרוּשָׁלַיִם, נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז יֶענֶער גֶעוָוארְן אַזוֹי אַנְטוֹישְׁט פוּן דִי הֶפְקֵרוּת אִין שׁוּל (מֵאָה שְׁעָרִים), אַז עֶר אִיז נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען דַאוֶונֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען אִין תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן, בִּיז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר זָאל נָאר קוּקְן אִין דִי סְפָרִים אוּן נֶעמֶען דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן.

אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּלִיבּ חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ' וְכוּ'. וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן הָאבְּן מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן גֶעשְׁטֶערְט, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶס גֵייט מִיר גָארְנִישְׁט אָן, אִיךְ קוּם צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הֶער וָואס אִיךְ דַארְף הֶערְן אוּן אִיךְ לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים, מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם צוּ אוּנְז בַּיי דִי שִׁיעוּרִים; נִישְׁטָא קַיין נָאנְטֶע מְקוּרָבִים, נִישְׁטָא קַיין וַוייטֶע מְקוּרָבִים, אַלֶעס אִיז שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, אֵיין

זַאךְ אִיז דָא, דִי שִׁיעוּרִים, דִי סְפָרִים; מֶען זָאל טוּן וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: 'הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעעֶפְּנְט אַ מִשְׁנַיוֹת? הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעעֶפְּנְט אַ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן?' מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַזוֹיפִיל רֶעדְן צוּ אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; מַה שֶׁבְּיַד בָּטוּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## זִיךְ נִישְׁט אָנְלֵייגְן אוֹיף יֶענֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

...

מֶען טָאר נִישְׁט אַרֵיינְגֵיין אִין יֶענֶעמ׳ס שְׁטוּב אָן קְלַאפְּן אִין טִיר, אוּן אַז מֶען קוּמְט קְלַאפְּן אוּן יֶענֶער עֶפְּנְט - מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז מֶען קֶען אַרֵיינְשְׁפַּאצִירְן, אֶפְשָׁר אִיז יֶענֶעם יֶעצְט נִישְׁט אַיינְגֶעְנֶעם וְכוּ׳; אֲפִילוּ אַ שְׁוֶועסְטֶער.

לֵייגְט זִיךְ נִישְׁט אָן אוֹיף אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער. אֲפִילוּ עֶלְטֶערְן דַארְפְן פַארְשְׁטֵיין וֶוען אוּן וִויפִיל צוּ גֵיין צוּ דִי קִינְדֶער, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כה, יז): ״הֹקַר רַגְלְךָ מִבֵּית רֵעֶךָ״ הַאלְט צוּרִיק דַיינֶע פִיס פוּן גֵיין צוּ דַיין פְרַיינְדְ׳ס שְׁטוּב, ״פֶּן יִשְׂבָּעֶךָּ״ טָאמֶער וֶועסְטוּ גֵיין צוּפִיל וֶועט עֶר זַאט וֶוערְן פוּן דִיר, ״וּשְׂנֵאֶךָ״ אוּן עֶר וֶועט דִיךְ פַיינְט הָאבְּן.

מֶען קֶען גֵיין צוּ אַ שְׁוֶועסְטֶער אִין שְׁטוּב, מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן וֶוען אוּן וִויפִיל.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין - וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז גוּט צוּ נֶעמֶען דִי כִּיבּוּד פוּן ׳קְוַואטֶער׳

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אַז מֶען אִיז עֶנְק מְכַבֵּד מִיט דִי כִּיבּוּד ׳קְוַואטֶער׳, אוּן אִיר ווילְט ווִיסְן אוֹיבּ דָאס אִיז כְּדַאי אָנְצוּנֶעמֶען, וַוייל עֶנְק שֶׁעמֶען זִיךְ אַבִּיסְל.

עֶס אִיז גוּט צוּ נֶעמֶען דִי כִּיבּוּד פוּן ׳קְוַואטֶער׳ אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְבֶּעטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא קוּמְט צוּ יֶעדֶע בְּרִית אוּן מֶען קֶען פּוֹעֶלְ׳ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, אוּן אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד מִיט דִי כִּיבּוּד ׳קְוַואטֶער׳ - זָאלְן עֶנְק אָנְנֶעמֶען דִי כִּיבּוּד בְּשִׂמְחָה, וַוייל דָאס אִיז מְסוּגָּל לְזֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

אוֹיךְ אִיז דָא אַ סְגוּלָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן צוּ קוּקְן אוֹיף דִי מוֹהֵל מֶעסֶער וֶוען עֶס הָאט אוֹיף זִיךְ דִי בְּלוּט פוּן מִילָה, בֶּעטְס אַייעֶר מַאן זָאל בֶּעטְן דֶעם מוֹהֵל רְשׁוּת אוֹיבּ עֶר קֶען אַייךְ בְּרֶענְגֶען דִי מֶעסֶער אֵיידֶער מֶען רֵיינִיגְט עֶס אָפּ פוּן דִי בְּלוּט, אוּן אִיר זָאלְט קוּקְן אוֹיף דֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת מוֹהֵל, סִימָן ב): ״אִשָּׁה שֶׁאֵינָהּ יְכוֹלָה לְהִתְעַבֵּר״ אַ פְרוֹי וָואס וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, ״תַּבִּיט עַל הַסַּכִּין שֶׁל מִילָה אַחַר הַמִּילָה״ זָאל קוּקְן אוֹיפְן מוֹהֵל מֶעסֶער נָאכְן בְּרִית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְן מְקָרֵב זַיין מַיין זוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְן לֶערְנֶען מִיט מַיין ... דִי אַלֶע זוּמֶער וָואכְן, אוּן אוֹיךְ אִינְמִיטְן יָאר וֶוען עֶר קוּמְט אַמָאל אִין שְׁטֶעטְל בִּיסְטוּ אִים מְקָרֵב אַזוֹי לִיבְּלִיךְ אוּן אַזוֹי וַוארֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, אִין מְלַמְּדוּת, הַצָּלָה, אוּמַאן, בֵּית הַתַּבְשִׁיל, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, חֲתוּנוֹת, אֵיי וֵוי, וְעוֹד.

...

## נֶעם דַיין וַוייבּ צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי טֶערַאפִּיסְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת עֵקֶב, י״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, קֶען זַיין אַז מֶען הָאט אַוֶועק גֶעטְרָאגְן דַיין קַאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען וִויל דִיר מְחַזֵק זַיין אוֹיף אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, וַוייל מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה - וֶועט מֶען הָאבְּן אַ שָׁאדְן, בָּדוּק וּמְנוּסֶה; אַזוֹי מוּז זַיין, אוּן דֶער וָואס זָאגְט אַז בַּיי אִים אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אִיז דָאס נָאר וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי צְוֵויי זַאכְן.

הוֹיבּ אָן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין שָׁאדְן.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי טַייעֶרֶע מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ, אוּן אַז דַיין וַוייבּ רֶעדְט צוּ דִיר פוּן אִירֶע וֵוייטָאגְן - זָאלְסְטוּ דָאס חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט דֶערְשְׁטִיקְן, אוֹיבּ מֶען לָאזְט נִישְׁט אַרוֹיס וֵוייטָאג פוּן הַארְץ - קֶען דָאס זַיין שֶׁעדְלִיךְ, לָאז אִיר רֶעדְן פוּן אִירֶע וֵוייטָאג אוּן דוּ זָאלְסְט אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן אִיר טְרֵייסְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן אוּן דִי וֵוייטָאג וֶועט אַרוֹיסְגֵיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיר נֶעמֶען צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי טֶערַאפִּיסְט (מִיר הָאבְּן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן טֶערָאפִּיסְטְן וָואס זֶענֶען גְרוֹיסֶע מוּמְחִים צוּ הֵיילְן דִי נֶפֶשׁ מִיטְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה), זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְרֶערְן אִירֶע וֵוייטָאג וָואס זִי הָאט גֶעלִיטְן אַלְס מֵיידְל, אוּן מִיט דִי עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי׳ן - וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר וָואס קוּמְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַ גוּטֶע זַאךְ, אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעזָאגְט זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן יֶעדְן טָאג, דָאס זָאל זַיין בַּיי דִיר חָשׁוּבְ׳עֶר פוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט.

...

**רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן זַיין נֶערְוֶועז וֶוען דִי קִינְדֶער דְרֵייעֶן אִיבֶּער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קְרִיַת יוֹאֵל מָאנְרָא**

שְׁרֵיי נִישְׁט אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זִיכֶער נִישְׁט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקוּנֵי זוֹהַר תִּיקוּן מח, פה ע"א) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת לה, ג): "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מוֹשְׁבוֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת" זָאלְסְט נִישְׁט אָנְצִינְדְן אַ פֵייעֶר אִין שַׁבָּת, זָאגְט דֶער זוֹהַר נָאךְ אֵיין וָוארְט: 'אֵשׁ הַכַּעַס' צִינְד נִישְׁט אָן דִי כַּעַס אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, רֶעג זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג. דֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקוּנֵי זוֹהַר תִּיקוּן כד, סט ע"ב) שַׁבָּת אִיז דִי גֵיהִנוֹם אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן גֵיהִנוֹם רוּעֶן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוֹיסֶער דֶער וָואס רֶעגְט זִיךְ אוֹיף; וַוייל מִיט זַיין כַּעַס צִינְדְט עֶר אָן דֶעם גֵיהִנוֹם אוּן עֶר וֶועט דַארְפְן זִיצְן שַׁבָּת אִין גֵיהִנוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן.

כַּעַס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, דֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (עַיֵּין שַׁעַר רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ דַּף ח ע"ב) אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען פַאלְט דוּרְךְ קֶען מֶען פַארֶעכְטְן, אוֹיסֶער כַּעַס וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארֶעכְטְן, מֶען פַארְלִירְט דִי נְשָׁמָה אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען, אוּן דָאס מַאכְט אַלֶע צָרוֹת, אוּן אַז מֶען זָאל לַיידְן.

בֶּעט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן כַּעַס, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן זַיין נֶערְוֶועז אוּן פוּן מַקְפִּיד זַיין אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וּבִפְרַט וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, זֵיי דְרֵייעֶן אִיבֶּער דִי שְׁטוּב - זָאל אִיךְ זִיךְ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן בְּכַּעַס, אוּן אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם אִיךְ וֶועל זִיךְ יָא אוֹיפְרֶעגְן זָאל אִיךְ זֵיי נִישְׁט רַצְחְ'עֶנֶען, אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ שְׁלָאגְן, שְׁרֵייעֶן וְכַדוֹמֶה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן עֲבוֹדָה זָרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קה:) וֶוער עֶס רֶעגְט זִיךְ אוֹיף - אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן.

אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל צוּ בְּלַייבְּן רוּאִיג אוּן נִישְׁט וֶוערְן בְּכַּעַס, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט אַזוֹיפִיל הַתְחָלוֹת אוּן בַּיים סוֹף פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ אוּן אִיךְ וֶוער נָאכְאַמָאל אִין כַּעַס, עֶס צִינְדְט זִיךְ אָן אִין מִיר אַ שְׁלֶעכְטֶע פֵייעֶר, דִי פֵייעֶר פוּן גֵיהִנוֹם, אוּן אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע; אִיךְ שְׁרֵיי, אִיךְ שְׁלָאג, אִיךְ צֶעבְּרֶעךְ; בֶּעט

אִיךְ דִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אִיךְ זָאל קֶענֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְרַייסְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס, אוּן אִיךְ זָאל מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין קַיין קַפְּדָן, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**שְׂכַח פַארְ'ן אַרַיינְלֵייגְן אִין מַיין זוּן אַזוֹיפִיל אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – קַיִץ תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׂכַח פַארְן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר מַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, פַארְן אַרַיינְלֵייגְן אִין אִים אַזוֹיפִיל אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

...

**אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר פוּן דַיינֶע לִימוּדִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר פוּן דַיינֶע לִימוּדִים וְוִיפִיל דוּ לֶערְנְסְט, אוּן אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דַיינֶע סִיוּמִים. אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן מֶער אָפְט בְּרִיוו, אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן יֶעדֶע מָאל צוּ עֶנְטְפֶערְן, אָבֶער אִיךְ לֵיין עֶס אוּן אִיךְ וַוארְט אוֹיף דֶעם.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה, נִיץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, בַּטֵל נִישְׁט קַיין צַייט. לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ פוּן דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי וָואךְ; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אִין אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס מִשְׁנַיוֹת מַאכְט מִיטְן מֶענְטְשׁ; עֶס מַאכְט הֵיילִיג, עֶס מַאכְט רֵיין, עֶס וַואשְׁט אָפּ אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעקְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ בְּרִיוו.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיין טַאטֶע מַאמֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אֵיינֶער וָואס שְׁלָאגְט קִינְדֶער, הָאט נִישְׁט וָואס צוּ זַיין אִין חֵדֶר**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶלְטֶערְן זָאגְן מִיר אַז דִי קִינְדֶער בַּיי דִיר אִין חֵדֶר קוּמֶען אַהֵיים מִיט סִימָנִים פוּן שְׁלָאגְן אוּן צִיפְּן. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי מִיר מְבַרֵר אוֹיבּ אִיז דָא אֵיינֶער וָואס רִירְט אָן קִינְדֶער, וַוייל אֵיינֶער וָואס שְׁלָאגְט קִינְדֶער - הָאט נִישְׁט וָואס צוּ זַיין אִין חֵדֶר; מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, אֵיינֶער וָואס שְׁלָאגְט - דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין סֶענִיטֶעישְׁן (בַּיים צַאמְנֶעמֶען דִי מִיסְט).

אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט מִיט תַּלְמִידִים אִיז עוֹשֶׂה פֵּירוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת. אִיךְ וֵויים עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער, אִיךְ וֵויים דִי גֶעפִילְן וָואס אַ מְלַמֵּד אוּן אַ מַגִּיד שִׁיעוּר גֵייעֶן אַרִיבֶּער טָאג טֶעגְלִיךְ, אִיךְ בִּין שׁוֹין אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר מִיט בָּחוּרִים טָאג טֶעגְלִיךְ, מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, מֶען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, מֶען מֵיינְט מֶען טוּט נִישְׁט אוֹיף, מֶען מֵיינְט דִי דִיבּוּרִים גֵייעֶן נִישְׁט אַרַיין אִין דִי תַּלְמִידִים, מֶען ווִיל אוֹיפְגֶעבְּן.

עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת אַז מֶען טוט נִישְׁט אוֹיף, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת אַז דִי דִיבּוּרִים גֵייעֶן נִישְׁט אַרַיין, יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט מִיט תַּלְמִידִים אִיז עוֹשֶׂה פֵּירוֹת; אַמָאל זֶעט מֶען גְלַייךְ דִי פֵּירוֹת און אַמָאל שְׁפֶּעטֶער, אָבֶער דָאס אִיז זִיכֶער, עֶס לוֹינְט זִיךְ דִי שְׁוֶועֶרֶע מִי און פְּלָאג, וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד.

אִיךְ וַוארְט אַזוֹי שְׁטַארְק זָאלְסְט מִיךְ רוּפְן, מִיר דֶערְצֵיילְן וָואס טוּט זִיךְ מִיט דִי בָּחוּרִים, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וָואס דִי בָּחוּרִים מַאכְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְן סְתַּם דֶעם טִיטְל רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ וִויל זַיין נָאנְט מִיט דִי תַּלְמִידִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן מִיר שְׁרַייבְן לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט מַיין זוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, וּבִפְרַט מִיט מַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, פַארְן אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

...

### אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי יְשִׁיבָה קְטַנָּה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי יְשִׁיבָה קְטַנָּה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, דוּ זָאלְסְט זַיין מִיט דִי בָּחוּרִים פוּן אִינְדֶערפְרִי בִּיז נָאכְמִיטָאג, וַוייל אִיךְ וִויל מַאכְן דִי יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה אַנְדֶערְשׁ ווִי אַלֶע יָארְן, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶען נָאכְמִיטָאג צוּ מִנְחָה און גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, און דוּ וֶועסְט זַיין פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז נָאכְמִיטָאג.

פְרֶעג דַיין וַוייבּ אוֹיבּ זִי ווִיל הֶעלְפְן דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם דֶעם ווִינְטֶער וֶועט זַיין אַ שֵׁיינֶע פָּאר חֲתוּנוֹת אוּן מִיר דַארְפְן הִילְף בַּיי דִי פְּרוֹּיעְן; מַאכְן דִי הָאר, כַּאפְּן בִּילְדֶער, עֶס זָאל נִישְׁט קָאסְטְן קֵיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר בֵּיידֶע מְחוּתָּנִים; דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

בְּנוֹגֵעַ טְרִינְקֶען קָאוֹק; מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל עֶס נִישְׁט טְרִינְקֶען, ווייל עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי מֹשֶׁה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז דִי הֶכְשֵׁר אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### וֶוער דַארְף נָאכְגֶעבְּן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַייעֶר מֶעסֶעדְזְשׁ.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, וֶוען מֶען ווִיל מַאכְן שָׁלוֹם, אוּן זִיכֶער שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ - פַארְלַאנְגְט מֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז יֶעצְט אִין מוֹחִין דְגַדְלוּת זָאל אַיינְגֶעבְּן פַאר דֶער וָואס אִיז בְּקַטְנוּת הַמּוֹחִין.

דָאס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע כְּלַל וֶוען מֶען ווִיל שָׁלוֹם מַאכְן צְווִישְׁן שְׁכֵנִים, חֲבֵרִים, מִשְׁפָּחָה, אוּן זִיכֶער בַּיי מַאן אוּן וַוייבּ; מֶען קוּקְט נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז גֶערֶעכְט, נָאר אוֹיבּ אִיז דֶער מַאן אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת, אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט - דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין דִי וַוייבּ זִי זָאל אַיינְגֶעבְּן, כְּדֵי עֶס זָאל וֶוערְן שָׁלוֹם.

יֶעצְט אִיז עֶר בְּקַטְנוּת הַדַּעַת דַארְף מֶען אִיר מְחַזֵּק זַיין זִי זָאל הָאבְּן סַבְלָנוּת, אוּן מִיט תְּפִלָּה וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין קַטְנוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶען זוּכְט אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ; אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, דוּ וַוארְטְסְט אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ, עֶס אִיז דִיר טוּנְקֶל, עֶס אִיז דִיר פִינְסְטֶער - זָאלְסְטוּ אוֹיסְוַוארְטְן מִיט סַבְלָנוּת אוֹיף דִי יְשׁוּעָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרְער ..., דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁידוּךְ וָואס מֶען טְרָאגְט דִיר אָן זָאלְסְטוּ נֶעמֶען, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שִׁידוּכִים. דִי זֵייגֶער רוּקְט זִיךְ, דִי צַייט גֵייט אַרִיבֶּער. מוֹהֲרָא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דֶעם פַּיינְט וָואס רוּפְט זִיךְ: "צַייט", וַוייל עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמָר הֶחָכָם: "הִזָּהֵר מִן הַזְּמַן כִּי הוּא אוֹיֵב רָע מְאֹד", גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ הִיטְן דִי צַייט וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁנֶעל, אוּן אַז מֶען ווִיל נִישְׁט אַוֶועק לֵייגְן דִי גַּאֲוָה, נָאר מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ אוּן מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ, בִּיז מֶען כַאפְּט זִיךְ אִיז מֶען שׁוֹין פַארְעֶלְטֶערְט וְכוּ׳.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוּת דַּרְגָּא וְנָסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַ בַּעַל גַּאֲוָה וְכוּ׳, עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אַ שִׁידוּךְ וָואס מֶען טְרָאגְט אִים אָן, עֶר מַאכְט אַלֶעס אַוֶועק, זָאגֶנְדִיג: 'אִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם וֶועל נֶעמֶען דָאס?!' 'אִיךְ דֶער שֵׁיינֶער מֶענְטְשׁ, דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַזוֹינְס?!' אַזוֹי דְרֵייט מֶען זִיךְ אַרוּם וְכוּ׳ זוּכְנְדִיג אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן; מֶען זוּכְט אוּן מֶען זוּכְט, מֶען גֵייט אַרוֹיס זִיךְ טְרֶעפְן וְכוּ׳ אַלְץ מִיט דִי כַּוָּונָה אַז אֶפְשָׁר וֶועט מֶען טְרֶעפְן אַ כַּלָּה וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ רַייטְן אוֹיף אַ וַוייסֶע פֶערְד מִיט אָנְגֶעפִּילְטֶע זֶעק מִיט גֶעלְט וְכוּ׳, מֶען וַוארְט עֶס זָאל גֶעבּוֹירְן וֶוערְן אַזַא פַּארְשׁוֹין אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז בִּיז דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט, אוּן פְּלוּצְלוּנְג דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ פַארְעֶלְטֶערְט...

אִיךְ הָאף צוּ זַיין אַ גוּטֶער שְׁלִיחַ אוּן זַיין דַיין שַׁדְכָן, אָבֶּער נָאר בִּתְנַאי אַז דוּ זָאגְסְט נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידוּכִים; אַז מֶען טְרָאגְט דִיר אָן אַ שִׁידוּךְ זָאלְסְטוּ גְלַייךְ נֶעמֶען דֶעם שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דוֹרוֹת, מְקַיֵּים זַיין דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער.

אַז מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז דָאס זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דֶער מְחַבֵּר הוֹיבְּט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע סְעִיף אִין חֵלֶק אֶבֶן הָעֶזֶר פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי הֲלָכָה: "חַיָּיב כָּל אָדָם לִישָּׂא אִשָּׁה כְּדֵי לִפְרוֹת וְלִרְבּוֹת", יְעֶדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אַ פְרוֹי כְּדֵי צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, "וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בִּפְרִיָּה וּרְבִיָּה כְּאִלּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים וּמְמַעֵט אֶת הַדְּמוּת", אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, עֶר אִיז נִישְׁט מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָּה וְרִבְיָה - אִיז אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט וֶוען גֶע'הַרְגֶ'עט מֶענְטְשְׁן אוּן פַארְגָאסְן זֵייעֶר בְּלוּט, "וְגוֹרֵם לַשְּׁכִינָה שֶׁתִּסְתַּלֵּק מִיִּשְׂרָאֵל", אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַז דִי שְׁכִינָה זָאל נִישְׁט זַיין מִיט דִי אִידְן; חוּץ פוּן דֶעם וָואס עֶס פֶּעלְט אִים דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רַמָ"א זָאגְט דָארְט: "וְכָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא בְרָכָה בְּלֹא תּוֹרָה כוּ', וְלֹא נִקְרָא אָדָם, וְכֵיוָן שֶׁנָּשָׂא אִשָּׁה עֲוֹנוֹתָיו מְפַקְפְּקִים שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי יח, כב) מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב וַיָּפֶק רָצוֹן מֵאֵת ה'".

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר מַיין שְׁוָואגֶער הָרַב ... שְׁלִיטָ"א.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## קֵיינְמָאל זָאלְט אִיר נִישְׁט רֶעדְן פְּרִיוַואט קֶעגְן טֶערָאפִּי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעבֶּעטְן צוּ רֶעדְן מִיט פְרוֹיעֶן, זַיי אוֹיסְהֶערְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן, אָבֶּער נִישְׁט אִיר זָאלְט רֶעדְן צוּ זֵיי קֶעגְן טֶערָאפִּי; קֵיינְמָאל זָאלְט אִיר נִישְׁט רֶעדְן פְּרִיוַואט קֶעגְן טֶערָאפִּי; וָואס וֵוייסְט אִיר יֶענֶעמְ'ס פְּרִיוָואטֶע לֶעבְּן, וִוי יֶענֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ? יֶענֶעמְ'ס עָבַר, יֶענֶעמְ'ס יוּנְגֶע יָארְן וִוי יֶענֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ?

נֶעמְט דֶעם כְּלַל, וֶוען אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן - הֶערְט מֶען יֶענֶעם אוֹיס, עֶס אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה צוּ אוֹיסְהֶערְן וִוי רֶעדְן; אוֹיסְהֶערְן אַלֵיין אִיז שׁוֹין כִּמְעַט אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה, אוּן אַז מֶען דַארְף רֶעדְן - רֶעדְט מֶען נָאר פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יח) וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען קֶען יֶענֶעם הַרְגֶ'עֶנֶען.

ווי קֶען מֶען רֶעדְן מִיט אַ צְוֵוייטְן, יֶענֶעם גֶעבְּן עֵצוֹת - וֶוען מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְן ? נָאר אֵיין זַאךְ אַז מֶען רֶעדְט - קֶען מֶען יֶענֶעם נִישְׁט פַארְפִירְן ; אַז מֶען אִיז יֶענֶעם מְחַזֵק מִיט תְּפִלָה און אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ווערְט צוּרִיק אַ צַדֶיקֶת, קוּקְט נִישְׁט קַיין קְלִיפְּס, ווִידִיאָס, און מָאוִויס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר ווַיי אַז אִיר קוּקְט ווִידִיאָס, מָאוִויס, קְלִיפְּס וְכַדוֹמֶה, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי סַאךְ צַייט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר אַייךְ און פַאר אַייעֶר מַאן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל זִיךְ גֶעפְּלָאגְט עֶנְק זָאלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, פַארְוָואס זָאלְט אִיר דָאס אַלֶעס צֶעווַארְפְן...

פְרוֹיעֶן הָאבְּן אַ טָעוּת, מֶען מֵיינְט אַז שְׁמִירַת עֵינַיִם אִיז נָאר פַאר מֶענֶער, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר שְׁמִירַת עֵינַיִם אִיז פַאר פְרוֹיעֶן אוֹיךְ, זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן בְּרֶענְגְט נָאר פְּרָאבְּלֶעמֶען.

ווֶערְט צוּרִיק אַ צַדֶיקֶת, קוּקְט מֶער נִישְׁט קַיין קְלִיפְּס, ווִידִיאָס, מָאוִויס וְכַדוֹמֶה, אַזוֹי וֶועט דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ.

...

## זִיךְ אַזוֹיפִיל אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר טָהֳרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייךְ בְּשֵׁם דִי גַאנְצֶע קְהִילָה פַאר דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹיפִיל אַוֶועק גֶעגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע יָאר מִיט דִי גַאנְצֶע הָארֶץ פַאר טָהֳרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל, אִיר הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַייעֶר

טֵייעֶרֶע צַייט פוּן זַיין אִין שְׁטוּב - צוּ הֶעלְפְן דִי מִקְוֶה טָהֳרָה, אָן קַיין בַּאצָאלְן, נָאר פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן.

בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְּט מִיט דִי מִקְוֶה טָהֳרָה זָאלְט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹת, אוּן צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**פַארְוָואס אִיז מֶען נִישְׁט מַחְשִׁיב דִי וָואס הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת?**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז עֶס אִיז דָא קִנְאָה אוּן שִׂנְאָה צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאַבְרֵךְ אַרִי נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ מַאכְן קוֹמֶענְדִיגֶע יָאר דֶעם יֶערְלִיכְן אַנְשֵׁי חַיִל קָאמְפֵּיין ווייל דוּ אוּן נָאךְ אַפָּאר אִינְגֶעלַייט - צַאפְּן אִים אוֹיס זַיין בְּלוּט; אַנְשְׁטָאט מַחְשִׁיב זַיין דֶעם אִינְגֶערְמַאן פַארְן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת - פַארְשֶׁעמְסְטוּ אִים אוּן דוּ צַאפְּסְט אִים אוֹיס דָאס בְּלוּט.

פַארְוָואס זָאל זַיין אַזַא זַאךְ בַּיי אוּנְז? פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט מַחְשִׁיב זַיין דִי וָואס הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת? דוּ וֵוייסְט וִוי אִיךְ פְּלָאג זִיךְ טָאג טֶעגְלִיךְ צוּ קֶענֶען דֶעקְן דִי מוֹסְדוֹת? דוּ וֵוייסְט אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן נֶעמְט אַרָאפּ פוּן מִיר אַזוֹיפִיל לַחַץ, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואלְטְן וֶוען גֶעדַארְפְט הָאבְן אַבִּיסְל גֶעפִיל, אַבִּיסְל הַכָּרַת הַטּוֹב - פַאר אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט אַ גַאנְץ יָאר אוּן הֶעלְפְט דִי מוֹסָד.

פוּן וֶועלְכֶע גֶעלְט הָאבְן מִיר גֶעבּוֹיט אוּנְזֶער מִקְוֶה טָהֳרָה, אוּנְזֶער עֵירוּב, בֵּית הוֹרָאָה, קֶעמְפּ, בַּאזַאר, אוּנְזֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן, אוּן נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן? פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְגִינֶען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן?!

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו ווייל דוּ זָאגְסְט מִיר כְּסֵדֶר אַז דוּ ווִילְסְט הֶערְן וָואס דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן אוּן דוּ בִּיסְט מִיר טַאקֶע גֶעטְרֵיי; קֶען זַיין דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט וָואס פַאר אַ שָׁאדְן דוּ מַאכְסְט מִיר, וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אִין שׁוּל אוּן דוּ מַאכְסְט חוֹזֶק פוּן דִי קָאמְפֵּיין אוּן פוּן דֶעם אִינְגֶערְמַאן.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אִינְגֶעלַייט וָואס קְרַאצְן אִים אוֹיס דִי קִישְׁקֶעס, פַאר זֵיי שְׁרַייבּ אִיךְ נִישְׁט, זֵיי זָאג אִיךְ נִישְׁט, זֵיי מַאכְן פוּן מִיר אוֹיךְ לֵיצָנוּת; דִי סִיבָּה פַארְוָואס

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, וַוייל דוּ זָאגְסְט מִיר שְׁטֶענְדִיג אַז דוּ ווילְסְט מִיר הֶעלְפְן אוּן גְרִינְגֶער מַאכְן; אוֹיבּ ווילְסְטוּ מִיר גְרִינְגֶער מַאכְן זָאלְסְטוּ שֶׁעצְן יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס הֶעלְפְט מִיר אִין דִי מוֹסָד.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט פוּן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, דוּ דַארְפְסְט מִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן.

...

## וויינֶען מַאכְט וֵויינֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֵּ' גֶעוֶועזְן מִיט דַיין בְּרִיוו אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי אַלְקָאהָאל, אוּן אוֹיךְ דִי סמ' טֶעלֶעפָאן לָאזְטוּ אִין אָפִיס; הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיק גֶעזוּנְט.

דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וָואס פַאר אַ קַבָּלָה זָאלְסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; דַארְפְסְט נִישְׁט נָאךְ קַבָּלוֹת, הַאלְט אָן דִי צְוֵויי זַאכְן, מֶער נִישְׁט טְרִינְקֶען; הַאלְט נִישְׁט אִין אָפִיס בַּיי דִיר, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ - וַויין אוּן בְּרוֹינְפְּן; וויינֶען מַאכְט וֵויינֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא עו:): "יַיִן מֵבִיא יְלָלָה"; נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בַּמִּדְבָּר רַבָּה י, ו): "יַיִן גּוֹרֵם לִזְנוּת", וַויין בְּרֶענְגְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן; נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי, יא): "יַיִן מֵבִיא אֶת הָאָדָם לִידֵי חֵטְא", וַויין בְּרֶענְגְט צוּ עֲבֵירוֹת, "לְצָרָה גְּדוֹלָה", צוּ גְרוֹיסֶע צָרוֹת, "וּלְחִסָּרוֹן כִּיס" - אוּן עֶס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אָרֶעם.

דִי סמ' טֶעלֶעפָאן נִיץ נָאר אִין דִי שָׁעוֹת פוּן אַרְבֶּעט, אַזוֹי וֶועט דַיין שְׁטוּבּ זַיין אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, דוּ וֶועסְט הָאבְּן גֶעדוּלְד אוֹיס צוּ הֶערְן דַיין וַוייבּ, דוּ וֶועסְט הָאבְּן צַייט פַאר תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

בִּזְכוּת דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִינְפָארְמַאצְיֶע אוֹיף אַ שִׁידוּךְ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט פוּן דֶעם שִׁידוּךְ, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן הָאַבְרֵךְ הַחָשׁוּב ... נֵרוֹ יָאִיר זָאל עֶס אָנְטְרָאגְן.

דִי מֵיידְל אִיז גָאר אַ טֵייעֶר קִינְד, זִי אִיז זֵייעֶר עֶרְנְוואקְסְן, זִי וֶועט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף פִירְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ. אוֹיךְ דִי מִשְׁפָּחָה אִיז גָאר אַ חָשׁוּבְ׳עֶ מִשְׁפָּחָה, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה. אוֹיךְ מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ אִיז זֵייעֶר נָאנְט מִיט דִי מַאמֶע, זֵיי רֶעדְן יֶעדֶע פָּאר טֶעג. דִי מֵיידְל אִיז אַ בַּת תַּלְמִיד חָכָם מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת.

בְּנוֹגֵעַ דִי לְבוּשׁ; דִי מֵיידְל ווִיל גֵיין ווִי דִי מַאמֶע, מִיט אַ טִיכְל; אָבֶּער זִי וֶועט זִיךְ שְׁפִּירְן זֵייעֶר בַּאקְוֶועם צוּ זִיצְן מִיט אַ מִשְׁפָּחָה וָואס גֵייעֶן נִישְׁט מִיט טִיכְלֶעךְ, וַוייל אִירֶע קְרוֹבִים גֵייעֶן אוֹיךְ נִישְׁט מִיט קַיין טִיכְלֶעךְ, דִי מַאמֶע הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן דִי לְבוּשׁ מִיט יָארְן צוּרִיק; לְדַעְתִּי אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

דִי מֵיידְל אִיז אַ גֶעזוּנְטֶע מֵיידְל פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, אוּן אוֹיף וָואס אִיר פְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ נֶעם אַחְרָיוּת אוֹיף דִי שִׁידוּךְ; ווִי קֶען אַ בָּשָׂר וָדָם נֶעמֶען אַחְרָיוּת? אִיךְ קֶען זָאגְן אַז אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט דָא אִיז רִיכְטִיג אוּן קַיין אֵיין וָוארְט אִיז נִישְׁט שֶׁקֶר אָדֶער צוּגֶעלֵייגְט.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַייעֶר זוּן, עֶר אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### מַיינֶע ווערטֶער זָאלְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ׳, טִיטְשֶׁער בֵּית פֵּיגָא**

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, בִּינְדְט אַייךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אַייךְ דִי אַרְבֶּעט זַיין גְרִינְג.

אַז מֶען הָאט אִינְזִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דִי אַרְבֶּעט גֶעשְׁמַאק אוּן זִיס, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען בּוֹיט דֶעם מִשְׁכָּן, אַ בְּחִינָה פוּן ל״ט מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן, אוּן אַז מֶען הָאט אִינְזִין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט זִיךְ אִינְזִין - וֶוערְט דִי אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, מֶען שְׁפִּירְט בַּיי דִי אַרְבֶּעט ווִי מֶען כַאפְּט שְׁלֶעק, אַ בְּחִינָה פוּן ל״ט מַלְקוֹת (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן יא).

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אֵיידֶער אִיר גֵייט אִין סְקוּל (שׁוּלֶע) - זָאלְט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעב זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר, אִיךְ גֵיי אִין סְקוּל לֶערְנֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶערלֶעךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין, הֶעלְף מִיר מַיינֶע וֶוערְטֶער זָאלְן אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיב הָאבְּן יֶעדְן קִינְד אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן יֶעדְן קִינְד, עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹל פוּן מִיר״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אַ מְלַמֵּד דַארְף זַיין גוּט צוּגֶעגְרֵייט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר הַיּוֹם

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ**

עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ מַאכְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם, דִי טָאג זָאל זַיין פִּינְקְטְלִיךְ, דָאס אִיז בַּיי אַלֶע כִּיתּוֹת אוּן בִּפְרַט בַּיי יוּנְגֶע קִינְדֶער; דֶער מְלַמֵּד דַארְף זַיין אָנְגֶעגְרֵייט, ׳וָואס גֵיי אִיךְ טוּן דִי גַאנְצֶע יָאר? ווִיפִיל דַארְף אִיךְ אָנְקוּמֶען אַ טָאג, אַ וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ, בִּיז דִי יָאר גֵייט אַרִיבֶּער? וָואס דַארְפְן דִי קִינְדֶער קֶענֶען?׳ נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין, אוּן אַז דֶער מְלַמֵּד קוּמְט אִין חֵדֶר אָן קַיין פְּלַאן - דֶעמָאלְט שְׁפִּירְן

דָאס דִי קִינְדֶער, אוּן דֶעמָאלְט וֶוערְט אַ צֶעפָּארֶענִיש, דָאס מַאכְט מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן אוּן וֶוערְן פַּארְלוֹירְן.

דֶער טָאג מוּז נִישְׁט זַיין פִּינְקְטְלִיךְ ווִי אַ מַאשִׁין, אָבֶער מֶער וֵויינִיגֶער דַארְף זַיין דִי טָאג מִיט אַ סֵדֶר; ווִיפִּיל צַייט מֶען דַאוֶוענְט, ווִיפִּיל צַייט מֶען עֶסְט, ווִיפִּיל צַייט מֶען שְׁפִּילְט, ווִיפִּיל צַייט מֶען קָאלִירְט, וֶוען מֶען זִינְגְט דִי אֲנִי מַאֲמִין, וֶוען מֶען נֶעמְט צַאם דִי שְׁפִּילְצַייג וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אָן תְּפִלָּה אִיז גָארְנִישְׁט דָא; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים אוּן קַיין אֵיין תַּלְמִיד זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי תּוֹרָה וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ, דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג וֶועלְן אַרִיבֶּערְגֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, צְפַת**

וָואס מַאכְסְטוּ טֵייעֶרֶער ...? שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר? ווִי גֵייט דִיר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם? ווִי גֵייט דִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן? ווִי גֵייט דִיר דַיין לֶעבְּן?

שְׁטַארְק זִיךְ, דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג וֶועלְן אַרִיבֶּערְגֵיין, עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁוֶוער, עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן טוּנְקֶל; מוֹהֲרַא"ש זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית א, ה): "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר", עֶרְשְׁט אִיז פִינְסְטֶער, אָבֶער נָאכְדֶעם וֶוערְט טָאג, עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג.

עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג. מוֹהֲרַא"ש זָאגְט, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט אַ רִינְגְל, אוֹיפְן רִינְגְל אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דִי דְרֵיי אוֹתִיּוֹת ג׳ ז׳ י׳, עֶר פְלֶעגְט קוּקְן אוֹיפְן רִינְגְל אוּן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, דִי בַּאדִינֶער הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס דִי אוֹתִיּוֹת מֵיינֶען, הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זֵיי עֶרְקְלֶערְט: "וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר שְׁוֶוערֶע מִינוּטְן קוּק אִיךְ אוֹיף מַיין רִינְגְל, אוֹיף דִי אוֹתִיּוֹת גז"י, דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַּ׳ם זֶ׳ה יַ׳עֲבוֹר - דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין, יֶעצְט זֶעט טַאקֶע אוֹיס ווִי עֶס אִיז עֶק וֶועלְט, אָבֶער אִיךְ גְלֵייבּ אַז עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין".

שְׁרַייבּ מִיר - וֶועסְטוּ מִיךְ מְחַיֶּ' זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, וַוארְט מִיט סַבְלָנוּת, וֶועט דִי לֶעבְּן וֶוערְן זִיס**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי וֶועט דִיר גוּט וֶוערְן! אַוַדַאי וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן! וָואס אִיז דִי פְּרַאגֶע? אַז דוּ וֶועסְט אַיינְנֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִין וָואס דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט אוּנְז - וֶועט דִיר וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן זִיס.

דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער דָאקְטֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ל) דֶער צַדִּיק אִיז דֶער דָאקְטֶער; עֶר הֵיילְט אוּנְזֶער נֶפֶשׁ מִיט זַיינֶע עֵצוֹת, אוּן וֶוער עֶס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן וַוארְט מִיט סַבְלָנוּת - וֶוערְט אִים דִי לֶעבְּן זִיס, זָאל זַיין וֶוער עֶס זָאל זַיין, זָאל זַיין שְׁטָאק טוּנְקֶל, חוֹשֶׁךְ עָנָן וַעֲרָפֶל, אוֹיבּ עֶר וֶועט נִיצְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִי", אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, אוֹיפְזוּכְן עֶפֶּעס גוּטְס אִין דִי צָרָה, אוּן אוֹיךְ דִי עֵצָה פוּן "תּוֹדָה וְהוֹדָאָה", דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיבּ אוּן דַאנְק נִיגוּנִים, אוּן אוֹיךְ דִי עֵצָה פוּן גֵיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים פְּרֶעגְן: "בַּאשֶׁעפֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן? בִּין אִיךְ גֶערֶעכְט? בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶערֶעכְט? דַארְף אִיךְ טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אָדֶער אֶפְשָׁר נִישְׁט?" אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט, אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט, אוּן אוֹיךְ דִי עֵצָה פוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיּוֹת, גְמָרָא אוּן הֲלָכָה; דִי מֶעדֶעצִינֶען הֵיילְן, מֶען דַארְף עֶס אַיינְנֶעמֶען אוּן גְלֵייבְּן אוּן וַוארְטְן בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן קֶען מֶען פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, דוּ וַוארְסְט אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ, דוּ בִּיסְט אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעבְרָאכְן, דוּ פְרֶעגְסְט 'מֵאַיִן יָבוֹא עֶזְרִי? פוּן וואוּ וֶועט קוּמֶען מַיין הִילְף?' זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, פַארְפֶעל נִישְׁט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד", מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

מִשְׁנַיוֹת אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר דִי נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה. אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע, אוֹיבּ וֶועט עֶר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל - וֶועט עֶר בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כָּךְ וְכָךְ' - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

מִיר פָארְן יֶעצְט קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן, בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן קֶען מֶען זִיךְ עַקְשְׁנ'ען אוּן פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## גֶעבּ עֶנְדֶערְשׁ דַיין צְדָקָה פַאר מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַן עִנְיָן צוּ בַּאצָאלְן פַאר אַנְדֶערֶע טִיקֶעטְס צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן; מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט: ״דֶער רֶבִּי דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעדִינְגֶענֶע סָאלְדַאטְן״; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן פַאר דִי מוֹסְדוֹת וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי וֶועלְט.

גֶעבּ דַיין צְדָקָה פַאר מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, מִיר הָאבְּן הַיינְט אִין דְרֵיי שְׁטֶעט מוֹסְדוֹת; אִין יְרוּשָׁלַיִם, בְּנֵי בְּרַק אוּן טְבֶרְיָה; סַיי אַ אִינְגְל חֵדֶר אוּן אַ מֵיידְל שוּלֶע, אוּן מִיר נֶעמֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן דִי מְדִינָה הַטְמֵאָה, מִיר דַארְפְן יֶעדֶע חוֹדֶשׁ הָאבְּן נִיסִים צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי גֶעטְרֵייעֶ מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, דָארְט זָאלְסְטוּ גֶעבְּן דַיינֶע צְדָקוֹת; אוּן אוֹיךְ אָנְוַואוֹרֶעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן גֶעבְּן זֵייעֶרֶע צְדָקוֹת פַארְן רֶבִּי׳ן, פַאר בּוֹיעֶן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימוּד הַתּוֹרָה, לֶערְן מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט זָאלְסְט נָאכְמָאל אָנְהוֹיבְּן, וַוייל נָאר תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ, תּוֹרָה מַאכְט צוּפְרִידְן, דוּרְךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט מֶען כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן אִין אַלֶע צַייטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מוֹעֵד קָטָן יב.): ״רֶבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר עוֹשֶׂה לוֹ לִימוּדִים בִּשְׁבִיל שֶׁלֹּא יַחְמִיץ״, בְּדֶרֶךְ אֶפְשָׁר קֶען מֶען זָאגְן, ׳רֶבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר׳ אַז אַ אִיד זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, ׳עוֹשֶׂה לוֹ לִימוּדִים׳ מַאכְט עֶר זִיךְ אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים, ׳שֶׁלֹּא יַחְמִיץ׳ נִישְׁט צוּ פַארְפַאלְן וֶוערְן בַּיי דִי טוּמְאָה; חָמֵץ רוּפְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אָן (בְּרָכוֹת יז.): ״שְׂאוֹר שֶׁבָּעִסָּה״ זָאגְט רַשִׁ״י: ״יֵצֶר הָרָע שֶׁבִּלְבָבֵנוּ הַמַּחְמִיצֵנוּ״, דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט אוּנְז זוֹיעֶר; מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן אִים אוּן נִישְׁט פַארְפַאלְן וֶוערְן אִין דִי טוּמְאָה, דוּרְךְ ׳רֶבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר׳, אַז דֶער אִידֶעלֶע זָאגְט וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן אַרֵיינְלֵייגְן הַארְץ און מֹחַ אִין יֶעדְן קִינְד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְנַהֵל ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דֶער זוּמֶער אִיז אַרִיבֶּער וויל אִיךְ דִיר בַּאדַאנְקֶען פַארְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער און מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, פַארְן אַרֵיינְלֵייגְן הַארְץ און מֹחַ אִין יֶעדְן קִינְד מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ און חֵן וְסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא, נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער און פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים.

...

### דִי חוֹב אִיז בָּטֵל, און דָאס פֶערְדְל אִיז טוֹיט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט מְזַכֶּה נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וִוי וַוייט דִי בְּרִיוו קוּמֶען אָן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וויפִיל שְׁטִיבֶּער שְׁטֵייעֶן בִּזְכוּת דִי בְּרִיוו, און וִויפִיל תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם עֶס בְּרֶענְגְט אַרֵיין אִין דִי וֶועלְט. ׳וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ וְטָהֵר׳, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט מֶען וֶועט צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - ׳וְאַחַר יֹאכַל מִן הַקֳּדָשִׁים׳, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֶען דַיין שְׂכַר וָואס דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה הָאט אוֹיפְגֶעטוּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, און אֲפִילוּ עֶס וֶועט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף דִיר וָואס עֶס וֶועט אִיבֶּערְגֵיין - זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, נָאר אַדְרַבָּה; זָאלְסְט נָאךְ מֶער סְפָרִים און נָאךְ מֶער קוּנְטְרֵסִים אַרוֹיסְגֶעבְּן פַאר כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.

טְרַאכְט נָאךְ גֶעדַאנְקֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן סְפָרִים פַאר קִינְדֶער; מִיר דַארְפְן זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי אָנְפִילְן מִיט אֱמוּנָה. עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע

בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן יֶעצְט אִיז גָארְנִישְׁט קֶעגְן דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס קוּמֶען, מִיר דַארְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיף אַ פְרֵיילִיכֶע וֶועג, אַזוֹי וֶועט זֵיי זַיין גְרִינְגֶער.

מַאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִוי עֶר הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען מְגוּלְגָל גֶעוָוארְן. אִיךְ וִויל מֶען זָאל דָאס לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, דִי מְלַמְדִים מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס זָאלְן קָאלֶערְן (מַאלֶעוֶוען), אוּן בְּשָׁעַת דִי קִינְדֶער מַאלֶעוֶוען זָאלְן זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה; דָאס אַרַיינְלֵייגְן מִיט טַעַם אוּן גֶעשְׁמַאק לוֹיט יֶעדְן אֵיינֶעמְ׳ס וֶועג, מֶען זָאל פִילֶעוֶוען דִי קִינְדֶער מִיט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים.

מַאךְ אַ בִּילְד פוּן אַ פַארֶעם פוּן שֶׁעפֶּעלֶעךְ אוּן פֶערְדְן, מִיט אַ קְלֵיינֶעם דַארְן פֶערְד, אוּן אַ בִּילְד פוּן אַן אֵיידֶעלֶע צוּרָה שְׁטֵייט נֶעבְּן אַ פּוֹיעֶר, דֶער מִיט דִי אֵיידֶעלֶע צוּרָה וַוייזְט אוֹיפְן קְלֵיינֶעם דַארְן פֶערְד אוּן וִוי דֶער פּוֹיעֶר הַאלְט שְׁטָרוֹת אִין הַאנְט.

"קֶענְסְט מִיר פַארְקוֹיפְן אַ פֶערְד?" פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, "אַוַדַאי!" עֶנְטְפֶערְט דֶער פּוֹיעֶר, "אִיךְ הָאבּ גוּטֶע פֶערְד, קוּם רֶבִּי אִיךְ וֶועל אַייךְ וַוייזְן מַיינֶע גוּטֶע פֶערְד".

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ קוּקְט זִיךְ אוּם אוֹיף דִי פֶערְד, אוּן פְרֶעגְט דֶעם פּוֹיעֶר: "אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ קוֹיפְן דֶעם קְלֵיינֶעם דַארְן פֶערְד?" "נֵיין, נֵיין!" זָאגְט דֶער פּוֹיעֶר, "דֶעם קְלֵיינֶעם דַארְן פֶערְד גֶעבּ אִיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק, דָאס אִיז מַיין בֶּעסְטֶע פֶערְד וָואס אִיךְ הָאבּ נָאר אַמָאל גֶעהַאט, יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע וֶועג וָואס דְרֵיי פֶערְד קֶענֶען דֶעם וָואגְן נִישְׁט שְׁלֶעפְּן, קֶען אָבֶּער דֶער קְלֵיינֶער דַארֶער פֶערְד יָא שְׁלֶעפְּן", דֶער פּוֹיעֶר זָאגְט: "אִיךְ קֶען פַארְקוֹיפְן פַארְן רֶבִּי׳ן אַלֶע פֶערְד, אוֹיסֶער דֶעם פֶערְד".

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב שְׁמוּעֶסְט מִיטְן פּוֹיעֶר, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן פוּן חוֹבוֹת; וִויפִיל חוֹבוֹת עֶר הָאט, וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִים שׁוּלְדִיג, דֶער פּוֹיעֶר בְּרֶענְגְט אַרוֹיס זַיינֶע צֶעטְלֶעךְ אוּן הוֹיבְּט אָן צֵיילְן זַיינֶע שְׁטָרוֹת, בַּיי אֵיין שְׁטַר זָאגְט עֶר פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "דֶער שְׁטַר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶער בַּעַל חוֹב אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן", פְרֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "נוּ אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ הָאבְּן דֶעם שְׁטַר חוֹב בְּמַתָּנָה?" "אַוַדַאי!" עֶנְטְפֶערְט דֶער פּוֹיעֶר, "אִיךְ גֶעבּ אַייךְ אַוֶועק דֶעם שְׁטַר בְּמַתָּנָה גְמוּרָה, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד".

דֶער צַדִיק צֶערַייסְט דֶער שְׁטַר און זָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל: "מָחוּל לָךְ, מָחוּל לָךְ, מָחוּל לָךְ", דָאס מֵיינְט, 'דִי חוֹב וָואס דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג - אִיז בָּטֵל', און דֶער צַדִיק זָאגְט פַארְן פּוֹיעֶר: "לָאמִיר גֵיין צוּרִיק אִין שְׁטַאל, לָאמִיר זֶען דִי פֶערְד"; זֵיי גֵייעֶן און זֶעעֶן וִוי דֶער קְלֵיינֶער דַארֶער פֶערְדְל לִיגְט טוֹיט אוֹיף דֶער עֶרְד...

דֶער צַדִיק אִיז מְגַלֶּה פַארְן פּוֹיעֶר וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט און מֶען בְּלַייבְּט שׁוּלְדִיג גֶעלְט, אָדֶער אוֹיבּ מֶען הָאט חַס וְשָׁלוֹם גֶע'גַנְבְ'עֶט פוּן אַ צְוֵוייטְן און מֶען שְׁטַארְבְּט - הָאט דִי נְשָׁמָה נִישְׁט קַיין רוּ, דִי נְשָׁמָה קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן, דִי נְשָׁמָה דַארְף אַרָאפְּקוּמֶען נָאכְאַמָאל און בַּאצָאלְן דִי חוֹב און דִי גְנֵיבָה.

"דֶערִיבֶּער" - זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב - "דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם בַּעַל חוֹב אִיז אַרַיין אִין דֶעם קְלֵיינֶעם דַארְן פֶערְד און זִיךְ גֶעדַארְפְט פַּיינִיגְן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן פַאר דִיר אָפְּצוּצָאלְן זַיין חוֹב, און יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט מִיר אַוֶועק גֶעגֶעבְּן בְּמַתָּנָה דֶעם שְׁטַר חוֹב און אִיךְ הָאבּ אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען, הָאט דִי נְשָׁמָה שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ זַיין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיז דִי פֶערְד גֶעשְׁטָארְבְּן".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען פוּן קֵיינֶעם און נִישְׁט בָּארְגְן קַיין גֶעלְט פוּן קֵיינֶעם, און אוֹיבּ מֶען הָאט יָא גֶעבָּארְגְט גֶעלְט, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם גֶע'גַנְבְ'עֶט - זָאל מֶען בַּאצָאלְן דִי חוֹב און דִי גְנֵיבָה, כְּדֵי נִישְׁט צוּ דַארְפְן לַיידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, אִיז דָאס מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם מִיטְן בְּרֶענְגֶען עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ; יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הֶעלְפְט, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַ קְלֵיינִיקַייט - אוֹיבְן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ.

וָוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת; מֶען טוּט, מֶען בַּאקְט, מֶען קָאכְט, מֶען פַארְרֶעכְט - אִיז דָאס מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, עֶס מַאכְט גְרִינְגֶער דִי אַרְבֶּעט וֶועֶנְדִיג אַז עֶס אִיז דָא גֶעפִיל אוּן הַארְץ.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי יָאר וֶועסְטוּ קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן דִי אַייזֶערְנֶע מְנִיעוֹת פוּן דִי גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן מִיט דִי גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער מִיט דִי טוֹיזְנְטֶער בְּלֶעטְלֶעךְ אוּן קוּמֶען צוּם גָאלְדֶענֶעם בַּארְג מִיטְן זִילְבֶּערְנֶעם שְׁלָאס, צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## גֵיי אַ טֶענְצְל אַפָּאר מָאל אַ טָאג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר, הַלְוַאי וָואלְסְטוּ גֶעקוּמֶען מֶער אָפְט, וָואלְטְן מִיר זִיךְ גֶעקֶענְט מֶער מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אַז מֶען הַאלְט זִיךְ נָאנְט בְּדִבּוּק חֲבֵרִים - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן.

פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ, אוֹיף דַיין פְרֵיילִיךְ, גֵיי אַ טֶענְצְל אַפָּאר מָאל אַ טָאג, טַאנְץ נָאךְ שַׁחֲרִית, טַאנְץ בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אוּן אוֹיךְ וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים גֵיי אַ טֶענְצְל. צִינְד אָן לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק, נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה; מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס; דָאס זָאל זַיין דַיין זַאךְ, נָאר שִׂמְחָה.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ יֶעדֶעס מָאל אִיךְ זֶע דִיךְ אָדֶער וֶוען אִיךְ זֶע דַיין שְׁרִיפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן נֶעגְל וַואסֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיר זָאלְט מְקַבֵּל זַיין לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְסְטָאג, אִיר וֶועְרְט אַ בַּת מִצְוָה.

לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְסְטָאג זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער אֵיידֶער אִיר גֵייט שְׁלָאפְן, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אִינְדֶערְפְרִי אֵיידֶער זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער.

נֶעגְל וַואסֶער אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ אַז דִי קְלִיפּוֹת אוּן שֵׁדִים הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דֶעם, דֶערִיבֶּער מַאכְן זֵיי עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן שְׁוֶוער, זֵיי מַאכְן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן גֶעדוּלְד, מֶען זָאל זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן דֶערְפוּן, אַזוֹי גֵייט מֶען שְׁלָאפְן אָן נֶעגְל וַואסֶער אוּן מֶען גֵייט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ שְׁלֶעכְטְס.

גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי וֶועט אִיר זִיךְ קֶענֶען אָפְּוַואשְׁן אִינְדֶערְפְרִי אוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וֶוען עֶר עֶפְנְט דִי הַאנְט, דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי מְבוּלְבָּל וְכוּ׳? מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, וָואס גֶעבְּט דִיר דֶער רֶבִּי? וָואס בִּיסְטוּ זוֹכֶה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן? קוּק וָואס דוּ הָאסְט יֶעצְט אִין דִי הַאנְט, אוּן וָואס הָאסְטוּ גֶעהַאט בַּיי וְכוּ׳? עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן מֶען אִיז אִין אַ פְּלַאץ פוּן עוֹבְדִים אוּן דֶערְוַוייל הָאט מֶען נִישְׁט גָארְנִישְׁט אִין דִי הַאנְט; נִישְׁט קַיין מִשְׁנַיוֹת, נִישְׁט

קַיין גְמָרָא, נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת און נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה. אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "הַיֵּצֶר הָרָע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי אָדָם" דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, "וְיָדוֹ סְגוּרָה" מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, "וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ" עֶר פָּאפְּט אוֹיס אַלֶעמֶען, יֶעדְן דַאכְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט דָאס וָואס עֶר וִויל, דֶערִיבֶּער לוֹיפְן אִים אַלֶע נָאךְ, ווייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ וָואס מֶען ווִיל, "וְאַחַר כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם" בַּיים עֶנְדֶע עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט און מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע" אַזוֹי טוּט דֶער יֵצֶר הָרָע, "שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד" עֶר רֶעדְט אֵיין אַ מֶענְטְשׁ מֶען זָאל אִים נָאכְלוֹיפְן, בַּיים סוֹף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט און מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוּמְזִיסְט.

וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי מְבוּלְבָּל? וָואס אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? וֶוער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? אִיךְ גֶעדֶענְק יָארְן צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דֶער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, יֶענֶער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם און פוּן יֶענֶעם, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אֵיין שִׁיעוּר נָאכְן צְוֵוייטְן, אַז זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'ֶער חָסִיד הָאט נִישְׁט מִיט מֶענְטְשְׁן, נָאר דֶער וָואס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'ֶער חָסִיד. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס גֶעחַזֶרְ'ט פַאר אוּנְז אָן אַ שִׁיעוּר מָאל: 'קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, וֶוער נִישְׁט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם און פוּן יֶענֶעם, קוּק אִין דִי סְפָרִים, לֶערְן דִי סְפָרִים, לֶעבּ מִיט דִי סְפָרִים - דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב'.

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער אָדֶער יֶענֶער, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז שֵׂכֶל, חִיזוּק און עֵצוֹת - וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַ וֶועג פַאר אוּנְז פְּשׁוּטְ'ע מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען לֶעבְּן, זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי שְׁוֶוערִיקֵייטְן. דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים און פִירְט זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת - דֶער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; נִישְׁט דֶער און נִישְׁט יֶענֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַ הֶערְלִיכֶע זוּמֶער גֶעוֶוען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹדֶה הַשֵּׁם, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי הֶערְלִיכֶע זוּמֶער וָואס מִיר הָאבְּן פַארְבְּרֶענְגְט אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אַזַא שֵׁיינֶע זוּמֶער מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט, יֶעדֶע מִינוּט הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען. דִי שְׁטֶעטְל אִיז אַזַא שֵׁיינֶע פְּלַאץ, מֶען שְׁפִּירְט דָא אֲוִיר הַזַּךְ וְהַנַּח, אַ לוֹיטֶערְקֵייט, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעוָואלְט שׁוֹין דָא בְּלַייבְּן וואוֹינֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹי אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אַז יֶעצְט נָאכְן זוּמֶער וֶועל אִיךְ שׁוֹין בְּלַייבְּן דָא.

יֶעדֶע פְּרַט פוּן דִי שְׁטֶעטְל אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי חֵדֶר; דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה וָואס דִי מְלַמְדִים לֵייגְן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, אוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס דִי גַאנְצֶע שְׁטַאבּ גֶעבְּט פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן קִינְד, אוּן דִי בֵּית פֵּיגָא; פוּל מִיט הַארְץ, פוּל מִיט וַוארֶעמְקֵייט, אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע גֶעבְּט פַאר דִי קִינְדֶער. דִי יְשִׁיבָה, דִי כּוֹלֵל, דִי אִינְגֶעלַייט, בַּעֲלֵי בַּתִּים מִיט אַזוֹיפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ' וְכוּ', וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַלְץ אוֹיסְרֶעכֶענֶען אוֹיפְן פַּאפִּיר.

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק בַּאנֵייעֶן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, הֲלָכָה וְאַגָּדָה; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ, רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בַּתְּחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ - וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר

הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט - זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסֶדְרְן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבַּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי

הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", און זֵייעֶר אַסאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיב דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט און גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ, אַלֶע מֶדְרָשִׁים, און זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַז מִיר זָאלְן דוּרךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ הָאב דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַאר קִינְדֶער

## דִי הַארְבְּקֵייט פוּן טְשָׁעפֶּען

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען חַיוֹת אוּן פֵייגְלֶעךְ, אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי – הוֹיבְּן זֵיי אָן וֵויינֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר זֵיי אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטְרָאף.

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ פָּארְפָאלְק צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער אַרִיזַ"ל, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִיק עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן אַ בְּרָכָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, זָאגְט דֶער צַדִיק: "עֶנְק קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער וֶועגְן עֶנְק הָאבְּן אַוֶועקְגֶענוּמֶען דִי קְלֵיינֶע לֵייטֶער וָואס דִי הִינֶער פְלֶעגְן דוּרְכְדֶעם אַרָאפְּקוּמֶען פוּן שְׁטֵייג טְרִינְקֶען וַואסֶער, דִי הִינֶער הָאבְּן יֶעדֶע מִינוּט צַעַר אוּן וֵוייטָאג, דֶערִיבֶּער הָאבְּן עֶנְק נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, גֵייט שׁוֹין אַהֵיים אוּן לֵייגְט צוּרִיק דִי לֵייטֶער אַז דִי הִינֶער זָאלְן קֶענֶען אַרָאפְּקוּמֶען טְרִינְקֶען וַואסֶער אוּן קֶענֶען צוּרִיק גֵיין, אַזוֹי וֶועלְן עֶנְק גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער".



אַוֶועקְגֶענוּמֶען דִי לֵייטֶער

די פָּארְפָאלְק זֶענֶען אַהֵיים און צוּרִיק גֶעלֵייגְט די לֵייטֶער, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה מִיט קִינְדֶער.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, פוּן די מַעֲשֶׂה לֶערְנֶען מִיר אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט הָאט אַ סִיבָּה, און אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן, אֲפִילוּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט פֵייגְלֶעךְ אָדֶער חַיוֹת - קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף, און אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען נֶעמְט אַוֶועק די צַעַר פוּן זֵיי - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און מֶען זֶעט אַ יְשׁוּעָה.